בחצרות
# סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ד' | תולדות | כ"ו חשון | תשע"ב | פסחים: קי"ד.

# באריכט:

## קביעות מזוזה בהיכל ישיבה לצעירים אין וויליאמסבורג

נעכטן אוונט ווען דער רבי שליט"א איז אנגעקומען אויף וויליאמסבורג איז דער רבי שליט"א תיכף צוגעפאהרן צום בנין ישיבה לצעירים ד'סאטמאר ווי דער רבי שליט"א איז ערשינען אין היכל הביהמ"ד בשעת'ן סדר הלימוד און זיך צוגעקוקט מיט פארגעניגן צווישן די תלמידים.

דערנאך האט דער רבי שליט"א געדאווענט מעריב מיט די בחורים, און נאך מעריב האט דער רבי שליט"א קובע מזוזה געווען אויפן היכל ביהמ"ד, ווי עס זענען אויך אנוועזנד געווען הגה"צ אב"ד דקהלתינו שליט"א און הנגידים החשובים תומכי הישיבה וראשי קהלתינו הק' שיחיו.

נאכ'ן קובע זיין די מזוזה איז פאהרגעקומען א מסיבת לחיים ווי עס האט קודם אויפגעטרעטן דער ראש ישיבה הרה"ג ר' מרדכי זאב וואזנער שליט"א און דאן האט דער רבי שליט"א משמשיע געווען דברות קודש לרגל המאורע. (תוכן דברות קודש וועט אי"ה נאכפאלגן).

🙞•🙜

## בקודש פנימה

פארגאנגענעם מאנטאג נאכט איז בביתו נאוה קודש פון מרן רבינו שליט"א אין קרית יואל פאהרגעקומען דער ווארט-תנאים פון המחותנים מוה"ר אהרן שמואל פוקס הי"ו פון קרית יואל – אבי החתן, און הר"ר אלימלך שווארץ הי"ו שו"ב פון קרית יואל - אבי הכלה, ווי דער רבי שליט"א האט געליינט דעם תנאים.

🙞•🙜

נעכטן נאכט בעת דער רבי שליט"א האט אויפגענומען אנשי שלומינו בקו"פ איז הגה"צ מ'ראצפערט שליט"א פון בראזיל אריין אל הקודש פנימה לרגל נישואי בנו וועלכער קומט פאהר אי"ה די קומענדיגע וואך בשטומ"צ.

אויך זענען די חברי הנהלת המוסדות מוה"ר אביגדור פרענקל הי"ו, מוה"ר מנחם גרשון לעבאוויטש הי"ו און מוה"ר יחזקאל דוד בערקאוויטש הי"ו אריין אל הקודש פנימה ווי זיי האבן אריינגעטראגן א הערליכען כתר תורה וואז זיי האבן געשאנקן במתנה פאר מרן רבינו שליט"א מיט וועלכען דער רבי וועט אי"ה

באקרוינען דעם נייעם ספר תורה וואס וועט אי"ה אריינגעגעבן ווערן דעם קומענדיגן מוצש"ק לע"נ אביו מרן רביה"ק זצ"ל בעל ברך משה, בבית מדרשינו הגדול אין וויליאמסבורג במעמד אלפי ישראל.

דער רבי שליט"א האט דערביי מאציל געווען ברכת קדשו אז זיי זאלן זוכה זיין צו די 3 כתרים פון כתר תורה, כתר כהונה און כתר מלכות.

אזוי אויך האט דער רבי שליט"א אנגעוואונטשן פאר די חברי וועד כתיבת ס"ת וועלכע זענען דערביי אנוועזנד געווען: מוה"ר דוד שמעון פראמאוויטש הי"ו גבאי דקהלתינו הק', מוה"ר משה יודא גאלדבערגער הי"ו און מוה"ר נפתלי הירצקא שטיין הי"ו.

שפעט אויפדערנאכט נאך ווי דער רבי שליט"א הט געענדיגט געזעגענען אנשי שלומינו איז דער רבי שליט"א אריבער אויף א ביקור גומלין ביי האדמו"ר מ'ראחמסטריווקא שליט"א פון ארה"ק בבית האכסניא אין שטוב פון הרבני הנגיד מוה"ר משה יוסף ווערטהיימער הי"ו מחשובי טובי קהלתינו הק' ווי עס האט זיך אנטוויקעלט א שיינער שמועס איבער די צדיקים לבית טשערנאביל און צאנז.

❧•❧

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור ב' ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הב' חתן הבר מצוה בן מוה"ר משה יצחק זילבערשטיין הי"ו פון קרית יואל.

פאר'ן דאווענען איז אין ביהמ"ד הגדול פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' יואל ב"ר בערל בערקאוויטש הי"ו ווי דער רבי שליט"א איז געווען סנדק און מוהל.

היינט נאכמיטאג איז די הנהלת מוסד ש"י פאר ספעציעלע קינדער - פון לעיקוואד אריין אל הקודש פנימה נאך א לענגערע באזוך אינעם מוסד הק' שערי חמלה, ווי דער רבי שליט"א האט זיי מאציל געווען ברכת קדשו.

❧•❧

## מארגן דאנערשטאג וועט זיין די לעצטע געלעגנהייט פון כתיבת האותיות אין די נייע ספר תורה

דער ועד הכנסת ספר תורה האט געמאלדן אז אויפ'ן פארלאנג פונעם עולם האט מען מסדר געווען אז די אלע וועלכע האבן נאכנישט געהאט די געלעגנהייט אריינצושרייבן אן אות אין די נייע ספר תורה, וועלן נאך קענען אריינשרייבן אן אות אין די ספר תורה, דעם דאנערשטאג ווען א גרויסער עולם איז פריי פון די ארבעט, בבית מדרשינו הגדול בחדר מרן רבינו שליט"א פון 4:30 ביז 6:30 נאכמיטאג, און דערנאך פון 8:30 ביז 10:30 ביינאכט.

דאס וועט בעז"ה זיין די לעצטע געלעגנהייט פון כתיבת האותיות אין דעם ספר תורה.

❧•❧

## דבר בעתו מה טוב

לרגל די שמחת ביי אנשי שלומינו מיט די חגיגת הכנסת ספר תורה דעם מוצש"ק הבעל"ט, וועט פארקומען בעז"ה א שיעור נפלא, וואס וועט מקיף זיין אלע עניני ומנהגי הכנסת ספר תורה, אינאיינעם מיט אן אוצר פון וואונדערליכע ידיעות איבער די טעמי המנהגים והמסתעף.

די שיעור וועט פארקומען מארגן דאנערשטאג ווען אסאך אידן זענען פריי פון די ארבעט צוליב א גוי'אישע חאגע, דורך הרה"ג רבי הערש לייב בערנשטיין שליט"א דומ"ץ ביהמ"ד איחוד התלמידים

דסאטמאר אום 5:00 נאכמיטאג, אין ביהמ"ד הגדול אין וויליאמסבורג - חדר יחיאל מיכל.

*-שמעו ותחי נפשכם-*

## הרחיבי מקום אהלך – קהלתינו הק' אין מאנטריאל

הנהלת קהלתינו הק' פון מאנטריאל האט בשטומ"צ היינטיגן טאג עררייכט דעם דערנעבענדיגן בנין נעבן ביהמ"ד התאחדות אברכים – בית שמואל בנימין שע"י קהלתינו הק', ווי עס וועט אי"ה מורחב ווערן די גבולי הקדושה, און מען וועט אי"ה גאהר בקרוב אויפבויען א מקוה אינעם נייעם בנין.

*-מחיל אל חיל-*

## חבורת מרעים פון אנ"ש אין בית שמש

היינט – מיטוואך אין אווענט איז אין בית שמש פאהרגעקומען דער ערשטער אין א סעריע פון "חבורת מרעים" דורך די התאחדות אברכים, אין שטוב פון מוה"ר שמעון חיים ווייס שליט"א, ווי אברכי אנ"ש האבן אינאיינעם פארברענגט בתורה וחסידות, און עס איז געזאגט געווארן דער "דבר החבורה" הרה"צ ר' זלמן יודא אשכנזי שליט"א.

## ניחום אבלים

ביי משפחת האשה החשובה מרת גיטל ב"ר משה ע"ה אלמנת הרה"ח ר' לייב בערקאוויטש ע"ה זיצט מען שבעה ביז מארגן – דאנערשטאג אינדערפרי'.

מען זיצט שבעה אין איר שטוב אויף 84 ראסס סט. אפט. 2-C אין וויליאמסבורג.

ביי משפחת האשה החשובה מרת ליבא ב"ר יעקב צבי ע"ה אלמנת הרה"ח ר' משה יוסף הלוי לאווי ע"ה זיצט מען שבעה ביז זונטאג אינדערפרי'.

מען זיצט שבעה אין איר שטוב אויף 187 פענן סט. אין וויליאמסבורג.

*ובלע המות לנצח*
*-בשורות טובות-*

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער,**
**און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**
**[BechatsrosSatmar@Gmail.com](mailto:BechatsrosSatmar@Gmail.com)**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין**
**מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען**
**פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**